בס"ד

הדלקת הנרות 4:40 זמן מוצש"ק 6:09

פלאַטפאָרמע #45

**פר' שמות**

תשפ"ה לפ"ק

# מוסדות פלאַטפאָרמע

וואו די **עלטערן** און די **מוסדות** קומען זיך צוזאם

**נאָטיצן • קורצע נייעס • קרישקעלעך • וואונטשן • מעלדונגען**

ערשיינט וועכנטליך פאַר אונזערע חשוב'ע עלטערן

## שמחות פלאַטפאָרמע

א שמחה אין די מוסדות • א שמחה ביי יעדן

### מצדיקי הרבים

שמחות מצדיקי הרבים עידן חדוותא
אצל המרביצי תורה בקרב מוסדותינו הק'

הרב **מנחם ארי' לאנדא** שליט"א **מלמד כתה א'**

**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

### בר מצוה

פרחי תלמידי מוסדותינו הק'
שנכנסו לעול התוה"מ

תלמידינו היקר הבחור **פנחס יודא** נ"ו בן מו"ה **אברהם שלמה כ"ץ** הי"ו
בן הר"ר **מאיר זאב** הי"ו חתן מו"ה **רפאל עקשטיין** הי"ו
לומד בכתה של הרב **יואל יעקב שישא** שליט"א

---

תלמידינו היקר הבחור **רפאל** נ"ו בן מו"ה **אשר אליעזר בלום** הי"ו **שותף מלא**
בן מו"ה **יעקב יוסף** הי"ו חתן מו"ה **יעקב יושע שווארטץ** הי"ו **מחזיק כתה לשבוע**
לומד בכתה של הרב **יחזקאל מייזליש** שליט"א

---

תלמידינו היקר הבחור **יצחק** נ"ו בן מו"ה **אברהם יואל שלעזינגער** הי"ו
בן מו"ה **יודא** הי"ו חתן מו"ה **זעליג צוויבעל** הי"ו
לומד בכתה של הרב **מרדכי כהנא** שליט"א

---

תלמידינו היקר הבחור **עמרם** נ"ו בן מו"ה **יואל יאקאבאוויטש** הי"ו
בן מו"ה **משה** הי"ו חתן מו"ה **דוד הערש פריעד** הי"ו
לומד בכתה של הרב **יואל וואלטער** שליט"א

---

תלמידינו היקר הבחור **שמעון** נ"ו בן מו"ה **ברוך יוסף מענדלאוויטש** הי"ו **שותף מלא**
בן מו"ה **אביגדור** הי"ו חתן מו"ה **נתן יושע בראווער** הי"ו
לומד בכתה של הרב **יושע פעלדמאן** שליט"א

### אפשערן

שמחת החאלקא
של צעירי תלמידי המוסדות

תלמידינו הילד היקר **שמואל** נ"ו בן מו"ה **יואל שטערן** הי"ו
בן הר"ר **אלימלך שטערן** הי"ו חתן מו"ה **יוסף חיים מאשקאוויטש** הי"ו
בכתה של : הרב **אברהם ראטענבערג** שליט"א - הרב **טובי' מענדל יאקאבאוויטש** שליט"א


## דערפרייעט און דערהייבט אייער קינד'ס מחנך!

הקשר טיפ ליין - 24 שעה

**845.378.4080**

הקשר "טיפ" ליין

בין הורי המוסדות להכלי קודש

שע"י ישיבה תורה ויראה ובית רחל ויואל משה ד'סאטמאר קרית יואל

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקדוש זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


## מוסדות אינפארמאציע ליין

**845.351.0110**

**מוסדות אפדעיטס • אינפארמאציע • טראנספאטאציע • זמנים • דרשות וניגונים**

פאר סיי וועלכע אינפארמאציע און וויכטיגע מודעות רופט אלעמאל דעם אינפארמאציע ליין

## פרנסי המוסדות מחזיקי "כתה לשבוע"

אלה שמות ידידינו היקרים שהוזילו מכיסם ונדבו זכות 'כתה לשבוע' בין כותלי מוסדותינו הק' לשבוע זו

**פרשת שמות תשפ"ה לפ"ק**

**כתה ח'** הרב **אברהם שמואל ווייס** שליט"א

מו"ה **יואל פערענץ** הי"ו **שותף מלא**

בן מו"ה **יעקב מאיר** הי"ו מחזיק כתה לשבוע חתן מו"ה **נחום הערש שווארטץ** הי"ו

**לזכות החתן יודא מרדכי בן טובא יוטל נ"י והכלה הענ' מלכה בת יוטא שתחי'**

**כתה ו'** הרב **צבי אלימלך יאקאבאוויטש** שליט"א

מו"ה **יעקב מנחם דייטש** הי"ו

בן מו"ה **אליעזר בער** ע"ה חתן מו"ה **חיים הערש לייזידער** הי"ו

**לע"נ הרה"ח מו"ה אליעזר דוב ב"ר יעקב ע"ה**

**זכות לימוד התורה מהבל פיהם של תשב"ר יעמוד להם ולזרעם עד עולם**

פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד:

מיט אומשאַצבאַרער "כח הציבור" פּראָקלאַמירט קרית יואל האדירה בהתאסף אלפי' ומלכינו בראשינו:

# גבורי המוסדות, חזקו ואמצו! ווייל דער "עתיד מוסדותינו" גייט אונז בנפשינו ובלבבינו!

אויגפאַרכאַפּנד בילד אַנטפּלעקט זיך פארלאפענעם מוצש"ק ויחי אין קרית יואל'ס מלכות'דיגער תפארת והוד "ביהמ"ד הגדול" וואו מקהלות אלופי אלפי העיר קרית יואל, זקנים עם נערים, פאַראייניגן זיך כאיש אחד ובלב אחד פאַר'ן עתיד העיר ומוסדותי'

יחד שבטי ישראל אין שפּיץ פון פּראַכטפולער אויבנאָן מיט אַלע גדולי ופארי רבני ודייני העיר קרית יואל ומלכם בראשם הוד כ"ק מרן רבינו עטרת תפארת ראשינו שליט"א

## ובשפתי צדיקים תתברך:

הוד כבוד קדושת מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א, אין צענטראַלער "משא הקודש", הייבט אַרויס תוקף תהלות תפארתה פון די הייליגע מוסדות, ועוצם החיוב להחזקתה

## ויחי יעקב • עוד אבינו חי • יעקב אבינו לא מת:

איבערראַשנדע באַטייליגונג און מאַסנווייזער השתתפות פון טויזנטער תושבי קרית יואל, שלומי אמוני ישראל, כולם נקבצו באו לך, איבערצייגט ברען און פלאַקער אָנצוהאַלטן הייליגער מורשת צדיק פון אבינו רועינו רבינו הקוה"ט זי"ע

לאָזט איבער הונדערטער זיין-לאָז, טראָץ אָנשטרענגונגען פון עסקנים מכבד צו זיין איש על מחנהו ואיש על דגלו

אויסטערלישע פלייץ פון "נדבות" פון אנ"ש הורי המוסדות ותומכי' אלס "מחזיקים" מיט אַזעלכע "חידושים" ווי נאָך קיינמאָל בעפאָר!

פּראַכטפולער "היכל אלטר יחזקאל" אויסשטעל מיט מלכות'דיגע סעודה סערווירט ברוב עם הדרת מלך

אומגעהויערע כוחות פון עסקנים ארמייען "שליחי המוסדות" און "נאמני הקהלה" מיט א פאראייניגטער חיות דקדושה בלב ובנפש פאַר "אונזער סוקסעס"

הערליכעדרשות און לעבעדיגערעפעראטן מיט אַן אויסקוק פאַר אַ גאָלדענעם עתיד, דערהייבט דעם גאַנצן ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר אין קרית יואל מיט "חיזוק והתחזקות" צו די העכסטע ספערן וואָס געדענקט זיך שוין נישט פאַר לאַנגע יאָרן!

## אשרי עין ראתה כל אלה!



מזלא טבא וגדיא יאה

אל רום מעלת כבוד ידידינו היקר
איש אמונים, רבות הפעלים, עושה ומעשה בתדירים, שמו משבחים ומפארים

### עומד על משמרתו ופקודתו לשרת בתוככי מבצר מוסדותינו הק'

בכל לבבו ונפשו למען קיום ופריחת מוסדותינו הקדושים
ולמען עתיד דורותינו בעירינו פק"ק קרית יואל יצ"ו

### מוה"ר אברהם שלמה כ"ץ הי"ו

לרגל השמחה הגדולה השורה במעונו

### בהכנסת בנו הבה"ח פנחס יודא ני"ו לעוהתוה"מ

וצרופה בזה מיטב ברכותינו מעומק הלב צרופות, שכרם הרבה מאד על פי פעלו, לרוות רב נחת, כגפן פורחת, אושר ועושר במעונם לעד ולנצח, יוסיף ה' עליכם ככם אלף פעמים, בכל אשר תפנו תשכיל ותצליח במישרים, בנים ובני בנים כשתילי זיתים, לנוב בשיבה דשנים ורעננים, עדי נזכה במהרה לישועת עולמים, בב"א.

השמחים בשמחתו ומברך ברכות לנצח
משה אלי' עסטרייכער, מנכ"ל מוסדותינו הק'
בשם הנהלת המוסדות

מזל טוב

# בכל לב ובכל נפש נחזיק"ו

## ובכן מה נהדר היה ביים פרעכטיגן 'ליל המחזיקים' וואו אלפי תושבי העיר - מחזיקי המוסדות - שטייען פאראייניגט פארן רוחניותדיגן עתיד העיר דער מוסדות עקזיסטענץ ביים גרויסן דינער אין ביהמ"ד הגדול







המה הגיבורים - תל תלפיות פון שטאט קרית יואל פארוואנדעלט אלס צענטער באזע להחזקת המוסדות מיט די באטייליגונג פון כל הקהל הקודש פארן רבינ'ס מורשה





חשובי העדה אין צענטער פונעם היכל הגדול ביים 'ליל המחזיקים' פאר אונזער עתיד הדורות אין קרית יואל









פילע דינער טישלעך און עסקנים צווישן די טישן באלאגערט אפצונעמען די נדבת הציבור אויפצוהאלטן דעם רבינ'ס מוסדות וואו דער ציבור מחזיקים האט געשוויפט גרעסערע סכומים להחזקת המוסדות



הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א



מוה"ר משה אלי' עסטרייכער הי"ו, מנכ"ל



הרבני הנגיד מוה"ר אברהם בנימין קרויס הי"ו עמוד בנין בית רחל החדש ביי ברכת המזון על הכוס



נעימו"ת יזמרו: זיס-רייכע נגינה קלאנגען בארייכערט ליל הגדול מיט הארציגע נגינה ושירה

# ניי-געגרינדעטע "קופת צאצאינו" ווערט איינגעפעדמט אין אלע בתי מדרשים דקהלתינו הק צו געבן "א דאלער א טאג" פאר די הצלחה פון די אייגענע קינדער!

הערליכע "מעמד התמנות גזברי צאצאינו" פארגעקומען פארגאנגענע וואך אין שטוב פון הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א וואו עס איז אויפגענומען געווארן גבאים ביי אלע מנינים אין אלע בתי מדרשים דקהלתינו הק און די רב שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט דברי חיזוק וברכה פאר די "גזברי צאצאינו" און איבער די געוואלדיגע כח פון "פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול" און איבער די געוואלדיגע זכי' פון ארומגיין נאך געלט אין בית המדרש להחזקת מוסדותינו הק






די פריש אויפגענומענע "גזברי צאצאינו" ביים אריבער גיין נעמען ברכת הקודש פון רב שליט"א







ווען עלטערן שטרענגן זיך אן און צאלן פונקטליך שכר לימוד איז מען זוכה אז אליהו הנביא זכור לטוב איז זיך מלבוש און לערנט מיט דעם קינד!

הגה"ק רבי איציקל מ'פשעווארסק זי"ע בשם הרה"ק מ'שינאווא זי"ע

שְׂכָרוֹ בליצן

מאמרים • ענינים • געדאנקן • נקודות למחשבה

איבער די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון צאלן

שכר לימוד



כִּי חַיִּ"ם הֵם לְמֹצְאֵיהֶם
לַעֲטֶרֶת צְבִ"י וְלִצְפִירַת תִּפְאָרָה
מתוך שמחה וחדוה גילה ודיצה, נברך בזה ברכת מזלא טבא בקול תרועה, ומיטב ברכותינו אנו מביעים בשפה נעימה, בקול רינה וצהלה, לכבוד ידידינו ומכובדינו היקר והנעלה כערכו הנשגב והרם, האי פאר המדה ונועם המעלה, נודע לשבח לשם ולתהלה, זכה לתורה וגדולה, מוכתר בכל מופלא ומעלה נכונה, עושה גדולות, באהבה ונאמנות, נעים הליכות, אהוב ונחמד לשמים ולבריות, כתר שם טוב לו הולמת, הרבני הנגיד הנודע לשם ולתהלה, בקרב עם סגולה, רודף צדקה וחסד לעילא ולעילא, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, עושה צדקה לאלפי רבבה, כי ממנו תוצאות פעולות צדיק לחיי"ם, בחכמה פותח שערים ודברים, בחכמה פותח שערים, ובתבונה מחולל פלאות בכל הזמנים,
מלא עצה ♦ מלא גבורה ♦ מלא דעת ותבונה ♦ מלא חכמת חיי"ם
מוה"ר
חיים צבי
גאלדבערגער
הי"ו
חבר ועד קרן הבנינים להקים שע"י מוסדותינו הק'
לשמוח יחד אתך בשמחתך הגדולה, הגדיל ה' לעשות לתהלה
שמחת נישואי בנו למזל טוב
הב' החתן המופלג בתו"ש, עדיו לנאון ולתפארת כמר מנחם נרו יאיר
בן ידידינו הרבני הנכבד המפואר, זית רענן יפה פרי תואר, ותיק ועושה חסד לבו ער והם לכל דבר שבקדושה
הרה"ח ר' יואל ב"ר משה הערש רייזמאן הי"ו
נוה הצדק צבי תפארתו
ובהאי שעתא נברך ברכה מרובה, לכבוד ידידינו הדגול האי גברא יקירא, העומד במשנה עוז להרים קרן מוסדותינו הק' בעוז ותעצומות בחן ובשכל טוב
ובמיוחד בתקופה האחרונה הגביר פעלים
להרים ההכנסות להחזקת מוסדותינו הק'
ועוד ידו נטוי' בעזהשי"ת לחזק ולבצר מבצר המוסדות וחפץ ה' בידו יצליח
ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת
ובלב מלא התרגשות הננו לברך אתכם שזכות התורה יגן על מע"כ לזכות לחיים טובים ארוכים דשנים ורעננים, ועיניכם תחזינה מישרים בבנין אפריון בשוב ה' את ציון, ותזכו לראות רוב נחת דקדושה במדה גדושה מכל יוצאי חלציכם היקרים לאורך ימים ושנות חיים, תורה וגדולה יהי' מתאחדים על שלחנים, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד בכפלי כפליים, עדי נזכה לבנין בית מקדשינו ותפארתינו בקרבה ימים, ולגאולתן של ישראל ושמחה האמיתית בביאת משיח צדק הולך תמים, בעגלא ובזמן קריב בב"א.
בעתירת וברכת השמחים בשמחתו, מברכים לו כזיו הדרתו, מוקירי תפארתו והחזקת תורתו, ומברכים בהדרת כבוד לעומתו
משה אלי' עסטרייכער
בשם הנהלת המוסדות
יקותיאל מאיר גראס
אהרן משה יאקאבאוויטש
יצחק אייזיק וואלטער
ועד קרן הבנינים להקים
ישיבה תורה ויראה ויואל משה
סאטמאר
קרית יואל
מוסדות
סאטמאר
קרית יואל
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקדוש זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בראשות הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א




בס"ד
צֶאֱצָאֶיהָ כֻּלָּם פְּקוּד לְטוֹב חַיִּים
איך בין
מתפלל
פאר מיינע קינדער ביי
תפילת שחרית
איך טוה,
מיין השתדלות
איין
דאלער
פאר מיין
קינד'ס
הצלחה
קופת
צאצאינו
א דאלער א טאג פאר די הצלחה פון מיינע קינדער
מוסדות סאטמאר
קרית יואל
מיין השתדלות
א דאלער א טאג
פאר מיין קינד'ס הצלחה!

ישיבה תורה ויראה ובית רחל
ויואל משה דסאטמאר, קרית יואל
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע

Mosdos Satmar
V'Yoel Moshe, Kiryas Joel
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

Office: 5 Buchanan Ct. #111 Monroe NY 10950 Mailing Address: P. O. B. 2027 Monroe NY 10949 Tel. 845-782-8800 Fax 845-230-7679


בס"ד

# מודעה חשובה

## לכבוד הורי תלמידינו היקרים שיחיו הע"י.

מיט דעם טוען מיר מודיע זיין פאר די חשובע עלטערן אז די יערליכע

# אסיפת הורים

פאר די עלטערן פון כיתות א' – ט'

## וועט בעז"ה פארקומען די יאר דעם קומענדיגן

# יום ה' פרשת וארא הבעל"ט

## משעה 8:00 עד שעה 10:00

## אינעם בנין הת"ת - בנין גאלדבערגער

## 25 Larkin Dr.

די כיתות ה' –ו' וועלן זיין אין די נורסערי אפטיילונג אינעם בנין התלמוד תורה

## אויף די ערשטע שטאק - קומת שמואל

ווי די חשובע עלטערן וועלן האבן די געלעגנהייט אנצוהאלטן א קשר מיט די מלמדי תשב"ר שליט"א, פאר די תועלת פון די טייערע קינדער שחיו.

## הנהלת הישיבה


בס"ד

זיצט רואיג
אין שטוב און
האַלט מיט
לייוו ווען די באָס
וועט זיין ביי אייך!



מיר טוען זיך אנטשולדיגן פאר די וועלכע האבן פרובירט צו נוצן דעם טרעקינג סיסטעם אין די לעצטע טעג און עס האט נישט געארבעט. די טרעקינג קאמפעני ארבעט צו מסדר זיין דעם פראבלעם.
אויב איר האט סיי וועלכע פראבלעם ביטע רופט אונז אויף 845.426.7419 עקס. 110#
נ.ב. די טרעקינג אַרבעט נאָר נאָך וואָס דער באָס האָט אָנגעהויבן דעם רוט.



די סיסטעם דערקענט דעם נומער פון וואו איר רופט און וועט אייך מיטטיילן וואו אייער קינד'ס באָס געפינט זיך אויף די מאָמענט, די לעצטע סטאַפּ וואָס דער באָס האָט געמאַכט, און די וויפילטע סטאַפּ נומער איר זענט.

מיר האבן אַצינד איינגעשטעלט
אַ גאַר סאָפיסטיקירטע
GPS טרעקינג סיסטעם
אויף אַלע באָס רוטס
845.426.7419
#2 - פאַר די מאָנראָו אָפיס,
און דאַן #2 פאַר די GPS טרעקינג סיסטעם
אָדער די דירעקט עקס. #5000

SCHOOL BUS
EMESS
TRANSPORTATION LLC

Emes Transportation
PO BOX 555
Monsey NY 10952
845.426.7419

פאַר סיי וועלכע הערות
איבער דעם סיסטעם רופט:
אמת באָס טראַנספּאָרטאציע:
845.426.7419 #110

**נעמט אין אכט:** די טרעקינג סיסטעם איז א ספעציעלע קאסטבארע סערוויס וואס מיר שטעלן צו בחנם פאר עלטערן וואס האבן אן אויסגעצאלטע באלאנס.

Pro assistance

PHONE: 845.824.2300

FAX: 845.824.2310

EMAIL: mail@proassistanceny.com

MAILING: 10 Austra Pkwy #401 Monroe NY 10950

## וואס איז טשיילד קעיר פראגראם?

די רעגירונג באצאלט פאר עלטערן וואס ארבעטן אז זיי זאלן קענען שיקן זייער קינד צו א טשיילד קעיר פראווייַדער אין די שעות וואס מען ארבעט. - מוסדות סאטמאר קרית יואל איז באשטעטיגט דערפאר.

## דארפן ביידע עלטערן ארבעטן?

יא, די פראגראם איז אויסדריקלעך נאר פאר עלטערן וואס ביידע ארבעטן, אזוי אויך נאר אויב ביידע ארבעטן אין די זעלבע טאג און צייט.

## וויפיל שעה דארף מען ארבעטן?

כדי צו זיין באשטעטיגט פאר די פראגראם מיז מען ארבעטן כאטש 10 שעה א וואך, אבער ווי פארשטענדליך באקומט מען נאר באצאלט פאר די טעג וואס מען ארבעט.

## קען יעדער געניסן דערפון אדער איז דאס נאר פאר קליינע פארדינער?

עס איז דא א מאקסימום וויפיל מען מעג פארדינען א יאר צו קענען געניסן דערפון, געוואנדן לויט די צאל קינדער אין די משפחה. די מאקסימום איז פיל העכער ווי ביי די געווענליכע פראגראמען, מעדיקעיד, פוד סטעמפס, וכדו'

## פאר וועלכע יארגענג פון די קינדער קען מען באקומען באצאלט?

די פראגראם איז צוטיילט אין 3 חלקים

1. קינדער אינטער 3 יאר (נישט גילטיג פאר מוסדות סאטמאר ק"י).
2. פאר קינדער פון די 3 ביז די 5 יאר, קען מען באקומען באצאלט פאר די פילע שעות וואס מען ארבעט.
3. פאר קינדער העכער 5 יאר ביז צו די 13 קען מען באקומען באצאלט נאר פאר די שעות נאך די אלגעמיינע סקול שעות.

## קלארשטעלונג!

לעת עתה איז די מוסדות נאר באשטעטיגט פאר די בנינים אין לארקין דר. דהיינו רוב אינגלעך און די קלענערע מיידלעך, די געטרייע הנהלת המוסדות ארבעט דערווייל ווייטער מיטן פראצעדור צוצוגרייטן אלע איבעריגע ביני המוסדות כדי צו ערמעגליכן צו קענען געניסן דערפון פאר אלע אינגלעך און מיידלעך. - פאלגט נאך ווייטערדיגע אפדעיטס בעז"ה.

## וויאזוי קען מען אפלייען דערפאר?

אונזער סטעף שטייט גרייט אייך ארויסצוהעלפן מיטן גאנצן פראצעדור, אויספילן די פילע אפליקאציע, ארויסהעלפן מיטן צושטעלן די אלע פארלאנגטע דאקומענטן, און באגלייטן ביזן ווערן באשטעטיגט בעז"ה.
אזוי ווי עס איז ערווארטעט אז אסאך עלטערן וועלן אפלייען דערפאר אין די קומעדיגע וואכן, דערפאר כדאי צו קענען יעדעם צופרידענשטעלן דאס בעסטע וואס שייך, וועלן מיר ארבעטן אויף די אפליקאציעס לויטן סדר וואס עס קומט אריין, והזריז נשכר.

**צענדליגער משפחות געניסן שוין דערפון!!!**

**רופט הייַנט...!!!**

ישיבה תורה ויראה ובית רחל
ויואל משה דסאטמאר, קרית יואל
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע

Mosdos Satmar
V'Yoel Moshe, Kiryas Joel
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

Office: 5 Buchanan Ct. #111 Monroe NY 10950 Mailing Address: P. O. B. 2027 Monroe NY 10949 Tel. 845-782-8800 Fax 845-230-7679


# רעגיסטראציע מעלדונג

מיט דעם ווילן מיר מודיע זיין פאר אלע עלטערן

**וועלכע ווילן איינשרייבן א נייע קינד פאר**

**קומענדיגע חודש אדר הבעל"ט**

**מוזן שוין האבן אריינגעשיקט אן אויסגעפילטע**
**אפליקאציע בעפאר ר"ח שבט הבעל"ט**

צו באקומען אן אפליקאציע פארבינדט אייך צום רעגיסטרעישאן אפיס:

**reg@satmarkj.org • 845.782.8800 #318**




מיין השתדלות
**א דאלער א טאג**
פאר מיין קינד'ס הצלחה!

קופת
**צאצאינו**
א דאלער א טאג פאר די הצלחה פון מיינע קינדער
מוסדות סאטמאר קרית יואל

# קולי שמע

**845.782.8800 #9**

- קאמענטארן
- געדאנקן
- הערות
- חיזוק

מיר ווילן הערן פון אייך!